**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/8/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער קעטי האקול מעלדט די עפענונג פון צוויי קענעביס דיספענסאריעס געשעפטן פאר ערוואקסענע באנוץ אינעם קאפיטאל ראיאן

### *ערשטע אין ראיאן געשטיצט דורך די ניו יארק קענעביס סאציאלע גערעכטיגקייט אינוועסטירונג פאנד*

### *נייע ביזנעסער אנגעפירט דורך יוסטיץ-אימפאקטירטע לייסענס באזיצער*

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן די עפענונג פון צוויי קענעביס דיספענסאריעס פאר ערוואקסענע באנוץ אינעם קאפיטאל ראיאן - ערשטע אינעם ראיאן צו ווערן געשטיצט דורך די ניו יארק קענעביס סאציאלע גערעכטיגקייט אינוועסטירונג פאנד. די פאנד איז געשאפן געווארן צו געבן געלעגנהייטן פאר די וואס זענען אפעקטירט געווארן פון די אומבארעכטיגטע אינפארסירונג פון קענעביס געזעצן.

"אזוי ווי די קענעביס מארקעט פארברייטערט זיך, איז מיין אדמיניסטראציע קאנצענטרירט צו באשיצן די געזונט און זיכערקייט פון אלע ניו יארקער, העלפן קליינע ביזנעסער בליען, און בויען די מערסט גערעכטע קענעבעסיס אינדוסטריע פאר ערוואקסענע באנוץ אינעם לאנד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק סטעיט טוט ווייטער צושטעלן פארזיכערטע, לעגאלע פראדוקטן פאר קאנסומער אין די צייט וואס מיר ארבעטן צו העלפן די וואס זענען געצילט געווארן פון די אומבארעכטיגטע אינפארסירונג פון קענעביס געזעצן אין די פארגאנגענהייט."

420 בליס האט זיך געעפנט דעצעמבער 7 אויף Hoosick Street 740, אין טרוי. 420 בליס געהערט פאר אל אטויה, רעני לינדאו און גרעג ליטל, ביזנעסלייט מיט ערפארונג אין די ריטעיל, ריעל עסטעיט, קאנסטראקציע און די מוזיק ביזנעס, צווישן אנדערע. זייער ציל איז צו שאפן א סטאבילע, לאנג-ציענדע ביזנעס וואס געבט א באקוועמע ערפארונג פאר זייערע איינקויפער.

קאפיטאל דיסטריקט קענעביס און וואוילזיין, Central Avenue 997 אין אלבאני, האט זיך געעפנט דעצעמבער 8. די געשעפט געהערט פאר קאפיטאל ראיאן געבוירענער דזשעימס פריס און פאשא אדאמס, לאנג-יעריגע פריינט וואס ברענגען צו זייער ביזנעס פארשידנארטיגע הונטערגרונדן אין די רעסטוראנט אינדוסטריע, ריעל עסטעיט, וואלונטירן און מער, ווי אויך א שטארקע געטריישאפט צו קאמיוניטי סערוויס.

**אלבאני מעיאר קעטי שיהאן האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס לעגאליזאציע פון קענעביס איז געווען א זייער נויטיגע שריט צו ענדיגן די סאציאלע און ראסישע אומגערעכטיגקייט פון מאכן מאריאנא באנוץ א קרימינאלע פארברעך, און צוליב דעם האט די סיטי פון אלבאני געארבעט איבערמידליך פאר די לעצטע צוויי יאר זיך צוצוגרייטן פאר די עפענונג פון אונזער ערשטע קענעביס דיספענסאריעס. אונזער קענעביס אדווייזארי קאמיטעט האט געהאלפן זאמלען קאמענטארן, אינפארמירן, און פארעמען קענעביס

פארשריפטן אויף די מוניסיפל שטאפל אריינגערעכנט די צייט, פלאץ, און אופן פון ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל דיספענסאריעס און אויפן פלאץ קאנסומפשען לייסענסעס, פאבליק עדיוקעישאן, און באשיצונג פון קאמיוניטי געזונט און זיכערקייט דורך די אויסקוק פון סאציאלע און ראסישע גלייכבארעכטיגייט. איך קוק ארויס צו זען וויאזוי אונזער אדווייזערי קאמיטעט'ס ארבעט טוט אפעקטירן אויף א פאזיטיוון אויפן אונזער נייע דיספענסאריעס און אונזער גאנצע געמיינדע. א דאנק צו גאווערנער האקול פארן אויספירן די ראם צו מאכן קענעביס לעגאל און שאפן געלעגנהייטן פאר קליינע ביזנעס אייגנטומער לענגאויס ניו יארק סטעיט."

**אלבאני קאמאן קאונסיל-מיטגליד הייד קלארק האט געזאגט,** "איך בין אזוי פרייליך מיטצוטיילן די מעלדונג פון די נייסטע אריינקום אין ניו יארק'ס ענטוזיאסטישע ריטעיל קענעביס פלאץ, און איך פיל זיך באעהרט אויפצונעמען קאפיטאל דיסטריקט קענעביס און וואוילזיין אינק. צו די 12'טע אפטיילונג. די אינסטאלאציע איז א שריט פאראויס צו ערלויבן די זיכערע און לעגאלע פארקויף פון קענעביס צו די סיטי פון אלבאני אין א צייט ווען מיר זעהן צופיל פון די פארקויפונגען אנגיין אינדרויסן פון אונזער סיטי און אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט. א דאנק צו די אייגנטומער און צו די סטעיט פון ניו יארק פארן אויסוועלן צענטראל עוועניו פאר די נייע געלעגנהייט. מיר דארפן אויפנעמען און ארבעטן מיט נייע ביזנעסער וואס אינוועסטירן אין אונזער סיטי, און די אינוועסטירונג איז א וויכטיגע ביילאגע צו אונזער ביזנעס אפטיילונג."

**ניו יארק סטעיט קענעביס קאנטראל באורד טשעיר טרימעין רייט האט געזאגט,** "מיר זענען צופרידן צו זען די ערשטע קענעביס דיספענסאריעס פאר ערוואקסענע באנוץ געשטיצט דורך די ניו יארק קענעביס סאציאלע גערעכטיגקייט אינוועסטירונג פאנד אפן אין די קאפיטאל ראיאן. די ביזנעסער שפיגלען אפ די ווירדן פון סאציאלע גלייכבארעכטיגקייט וועלכע טרייבט די MRTA. די פאנד'ס אינוועסטירונג האט ערמעגליכט ביזנעסלייט צו בויען שטאנדהאפטיגע ביזנעסער וועלכע ביישטייערן צו זייערע געמיינדעס. די פיאנירונג איניציאטיוו שטעלט א וועגווייזער פאר די לאנד, און ווייזט ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו שאפן א פארשידנארטיגע און אינקליוסיוו קענעביס אינדוסטריע פאר ערוואקסענע באנוץ."

**420 בליס קאו-אייגנטומער אל אטאוה האט געזאגט,** "אויב נישט פאר די פאנד, וואלטן מיר גאנץ מעגליך געדארפט אריינגעמען עקוויטי שותפים, און אויפגעבן א טייל פונעם ביזנעס. די פאנד האט אונז געגעבן די געלעגנהייט צו בויען א ביזנעס וואס קען געהערן פאר אונז, וועלכע וועט פארבלייבן פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**קאפיטאל דיסטריקט קענעביס און וואוילזיין קאו-אייגנטומער דזשעימס פריז און פאשא אדעמס האבן געזאגט,** "עס מיינט אזויפיל פאר אונז צו האבן נישט נאר די געלעגנהייט אנצופאנגען א נייע ביזנעס אין אונזער היימשטאט, נאר צו האבן די שטיצע פון די סטעיט און די געמיינדע. די ניו יארק קענעביס סאציאלע גערעכטיגקייט פאנד, DASNY, די אפיס פון קענעביס אנפירונג, און אוודאי די גאווערנער האבן אלע געשפילט א ריזיגע טייל צו העלפן מאכן די געשעפט פאר א ווירקליכקייט. מיר וואלטן דאס נישט געקענט טון אן אלע פון זיי."

**פאנד'ס אלגעמיינע שותף סאציאלע גערעכטיגקייט אימפאקט ווענטשורס פרינציפאל קריס וועבער האט געזאגט,** "די ניו יארק קענעביס סאציאלע גערעכטיגקייט פאנד איז שטאלץ צו ארבעטן מיט קאפיטאל דיסטריקט קענעביס און וואוילזיין אייגנטומער פאשא אדאמס און דזשעימס פריז, וועלכע מיר ווייסן וועלן זיין א פאזיטיווע טייל אין די קאפיטאל ראיאן געמיינדע און וועט ווייטער העלפן פאראויס רוקן די צילן פון סאציאלע גערעכטיגקייט פאנד צו ערמעגליכן ביזנעסלייט. מיר שטייען מיט גאווערנער האקול, די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, און אלע אינוועסטירער צו ארבעטן צו צונעמען די אימפאקטן פון אומגערעכטע דראג אינפארסירונג פאליסיס וואס האבן נישט גלייכערהייט אפעקטירט מינאריטי געמיינדעס. מיר זענען דאנקבאר פאר די שטיצע פון מעיאר שיהאן און אונזערע שותפים אין DASNY, די

טשיקאגא אטלאנטיק גרופע, די אפיס פון קענעביס אנפירונג, און די ביזנעסלייט וועלכע שטייען ביים שפיץ פון די באוועגונג."

די ניו יאק סטעיט קענעביס סאציאלע גערעכטיגקייט אינוועסטירונג פאנד, וועלכע איז געווארן אויטאריזירט אלץ טייל פונעם פיסקאלע יאר 2023 אינעקטעד בודזשעט, איז א פריוואטע-פאבליק געצוימטע שותפות געפארעמט צו לייגן סאציאלע בארעכטיגטע ביזנעסלייט צו זיין ערפאלגרייך אין ניו יארק'ס נייע געשאפענע קענעביס אינדוסטריע פאר ערוואקסענע באנוץ. די געדאנק האט ערלויבט די סטעיט צו אינוועסטירן אין א פריוואטע פאנד צו פינאנצירן די ליעסינג און אויסשטאפירן פון ריטעיל דיספענסאריעס בלויז פאר ערוואקסענע באנוץ לענגאויס ניו יארק סטעיט פאר אנפירונג דורך אינדיווידועלן וועלכע זענען געווארן אפעקטירט פון די אומגערעכטע אינפארסירונג פון קענעביס געזעצן. עס איז די ערשטע פון איר סארט אין דאס לאנד.

די פאנד וועט העלפן די וואס זענען געגעבן געווארן א CAURD לייסענס דורך די ניו יארק סטיעט אפיס פון קענעביס אנפירונג (Office of Cannabis Management, OCM) נאכצוקומען די קאסטן פון אויפשטעלן קענעביס ריטעיל דיספענסאריעס פאר ערוואקסענע באנוץ, אריינגערעכנט די אידענטיפיקאציע און ליעסינג פון פאסיגע ריטעיל לאקאציעס און אויסשטעל, קאנסטראקציע, און אויסשטאפירונג פון די פלעצער. עס ווערט געשטיצט ביז צו $50 מיליאן אין לייסענסינג קאסטן און פארדינסטן פון די קענעביס אינדוסטריע פאר ערוואקסענע באנוץ ווי אויך ביז צו $150 מיליאן ערהאלטן פון די פריוואטע סעקטאר.

די דיספענסאריעס וואס עפענען זיך אין אלבאני און טרוי זענען צווישן צענדליגע דיספענסאריעס וואס וועלן זיך עפענען לענגאויס די שטאט אין דעצעמבער. אין די קאפיטאל ראיאן, טוען דיספענסאריעס אפערירן אין שענעקטעדי און אין רענסעלעיאר.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן